גליון
# בת עין
דבר השוה לכל נפש
אידיש
גליון קא • שנה ב
פרשת בלק
תשפ"ה

פרשת בלק

תוכן הדרוש

[א] די דיוק אין די פסוקים. / השי"ת האט געוואלט בלעם זאל בענטשן די יודן.

[ב] תיקון המידות דורך בּוּשָה. / די תיקון פון בלעם דורך בּוּשָה./ די כח פון בלעם צו קוקן אויפן מלאך.

[ג] די תירוץ אויף די סתירה אין די פסוקים. / השי"ת הייסט בלעם בענטשן די יודן.

## פאָרוואָרט

**מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ**

אין די קומענדיגע תורה גייט דער בת עין רעדן פון די ענין פון די מידות רעות פון בלעם וואס ווערט שוין דערמאנט אין די משנה (אבות ה, יט), ווי חז"ל זאגן אונז 'כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ בְּיָדוֹ שְׁלשָׁה דְבָרִים הַלָּלוּ מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ; וּשְׁלשָׁה דְבָרִים אֲחֵרִים, מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע. 1] עַיִן טוֹבָה (פארגינען א צווייטן און זיך מיטפרייען מיט יענעמ'ס הצלחה), 2] וְרוּחַ נְמוּכָה (א זעהל וואס האלט זיך נידריג – בענוה), 3] וְנֶפֶשׁ שְׁפָלָה (זיין צופרידן מיט וואס מען האט און נישט גלוסטן צו מער און מער), מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַבְרָהָם אָבִינוּ; 1] עַיִן רָעָה (א שלעכטע און אומפארגינענדיג אויג), 2] וְרוּחַ גְּבוֹהָה (א געהויבענע שטאלץ), 3] וְנֶפֶשׁ רְחָבָה (א גייסט פון גלוסטן אלעס), מִתַּלְמִידָיו שֶׁל בִּלְעָם הָרָשָׁע.

די דריי מידות זענען שוין עטליכע מאל אויסגעשמועסט געווארן אינעם ספר, ווי אונז גייען זעהן ווייטער אין פרשה אין ד"ה מַה טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב ווי דער בת עין שמועסט אויס באריכות די מעלות און די קדושה פון די מידות פון אברהם אבינו (זעה די גליון תשפ"ד – גליון נא).

אזוי אויך האט עס דער בת עין מבאר געווען אין פרשת תזריע אין ד"ה אָדָם כִּי יִהְיֶה בְעוֹר בְּשָׂרוֹ (זעה די גליון תשפ"ד – גליון לח) ווי דארט האט דער בת עין אביסל מער ארויסגעברענגט די נישט גוטע מידות פון בלעם הרשע.

אין די תורה וואס איז שוין אביסל געשטעלט אויף די הקדמות פון די פריעדיגע דערמאנטע צוויי תורות וועט דער בת עין אויסטייטשען די פסוק אויף אביסל א אנדערע מהלך און בעיקר ארויסברענגען אז דורך די בושה וואס בלעם הרשע האט געהאט האבן זיך זיינע מידות פארבעסערט אז ער האט געקענט האבן די זכיה צו בענטשן די יודן.

האט הרה"צ ר' אלימלך בידערמאן אמאל געזאגט: נו, אונז ווייסן דאך אז מידה טובה מרובה און אויב בלעם דער רשע האט געקענט זוכה זיין צו בענטשן די יודן דורך זיין בושה, איז צו וויפיל ברכות קען א יוד זוכה זיין דורך מקבל זיין זיינע בושות ?

זאל השי"ת העלפן אונז זאלן שוין זוכה זיין צו די אלע ברכות, אכי"ר.

[א]

## די דיוק אין די פסוקים

**עוֹד נָבוֹא אֶל הַבֵּיאוּר**[א] נאך וועלן מיר קומען צו מסביר זיין, **לָמָּה שֶׁמָּצִינוּ בִּתְחִילָּה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְבִלְעָם 'לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם'** (פסוק יב) צו פארשטיין וואס אויסערליך זעהט עס אויס ווי א שטיקל אומפארשטנדליכקייט אין די ווערטער פון די פסוקים וואס אין אנפאנג האט דער באשעפער געזאגט פאר בלעם 'גיי נישט מיט זיי'.

**וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁשָּׁלַח בָּלָק שָׂרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מֵאֵלֶּה אָמַר 'אִם לִקְרוֹא לְךָ בָּאוּ הָאֲנָשִׁים קוּם לֵךְ אִתָּם'** (פסוק כ) און נאכדעם וואס בלק האט געשיקט מערערע און חשובערע הערן פון דא ערשטע מאל האט דער באשעפער געזאגט פאר בלעם 'אויב דיר צו רופן זענען געקומען די מענטשן דעמאלסט גיי מיט זיי'.

> עוֹד נָבוֹא אֶל הַבֵּיאוּר, לָמָּה שֶׁמָּצִינוּ בִּתְחִילָּה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְבִלְעָם 'לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם' (פסוק יב).
> וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁשָּׁלַח בָּלָק שָׂרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מֵאֵלֶּה אָמַר 'אִם לִקְרוֹא לְךָ בָּאוּ הָאֲנָשִׁים קוּם לֵךְ אִתָּם' (פסוק כ).

א. די לשון הפסוקים איז: וַיֹּאמֶר אֱלֹקִים אֶל בִּלְעָם **לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם** לֹא תָאֹר אֶת הָעָם כִּי בָרוּךְ הוּא (כב, יב'). וַיָּבֹא אֱלֹקִים אֶל בִּלְעָם לַיְלָה וַיֹּאמֶר לוֹ **אִם לִקְרֹא לְךָ בָּאוּ הָאֲנָשִׁים קוּם לֵךְ אִתָּם וְאַךְ אֶת הַדָּבָר אֲשֶׁר אֲדַבֵּר אֵלֶיךָ אֹתוֹ תַעֲשֶׂה** (כב, כב').

גליון זה נתנדב ע"י
הרה"ח בנש"ק ר' **אהרן שמשון קליין** שליט"א
**ראש הקהל דקהל חסידי צאנז קלויזענבורג**
**בעיר מאנטריאל יצ"ו**
לע"נ חותנו הרה"צ ר' **גבריאל** בהר"ר **משה אהרן** ז"ל
**חתן הרה"ק מטריק- לאנדאן**
נפטר יז בתמוז שנת תשס"ד לפ"ק
זכות רבינו המחבר יגן בעדו ובעד ב"ב
להתברך בכל מילי דמיטב
ולכל משאלות לבם לטובה, אכי"ר

הַאֵיךְ שַׁיָּיךְ שִׁינּוּי רָצוֹן חַס וְשָׁלוֹם אֵצֶל הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא.
אַךְ נִרְאֶה דְּהִנֵּה רְצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא הָיָה שֶׁבִּלְעָם גַּם כֵּן יְבָרֵךְ אֶת יִשְׂרָאֵל עַמּוֹ, וּכְמוֹ שֶׁמָּצִינוּ בַּפְּסוּקִים שֶׁבֵּירַךְ אֶת יִשְׂרָאֵל.
אַךְ שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל לִהְיוֹת קִיּוּם בְּבִרְכָתוֹ לָחוּל עַל יִשְׂרָאֵל, מֵחֲמַת שֶׁהָיָה מְשׁוּקָּע מְאוֹד בְּסִטְרָא אַחֲרָא וּמִדּוֹת רָעוֹת שֶׁלּוֹ, עַיִן רָעָה וְנֶפֶשׁ רְחָבָה וְרוּחַ גְּבוֹהַּ[א], וּמֵחֲמַת זֶה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁרִי שֶׁיְּבָרֵךְ אֶת יִשְׂרָאֵל.
רַק אַחַר כָּךְ כְּשֶׁהָיָה לוֹ בּוּשָׁה לִפְנֵי שָׂרֵי בָלָק, כְּמוֹ שֶׁאָמַר אֶל הָאָתוֹן 'לוּ יֶשׁ חֶרֶב בְּיָדִי כִּי עַתָּה הֲרַגְתִּיךְ' (פסוק כט), וְהָיָה לוֹ בּוּשָׁה גְּדוֹלָה בְּאוֹתָהּ שָׁעָה, כְּמוֹ שֶׁפֵּירֵשׁ רַשִׁ"י זַ"ל[ב].
וּמֵחֲמַת אוֹתָהּ הַבּוּשָׁה נִסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ קְצָת הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלּוֹ, עַד שֶׁהָיָה יָכוֹל לִהְיוֹת קִיּוּם בְּבִרְכָתוֹ שֶׁיְּבָרֵךְ אֶת יִשְׂרָאֵל.

א. אבות פ"ה מי"ט: עין רעה, ורוח גבוהה, ונפש רחבה, מתלמידיו של בלעם הרשע. וראה מה שביאר רבינו בבחינות אלו בפרשת תזריע ד"ה אדם כי יהיה, ולהלן בפרשתן ד"ה מה טובו.

ב. ברש"י שם: לו יש חרב בידי, גנות גדולה היה לו דבר זה בעיני השרים, זה הולך להרוג אומה שלמה בפיו ולאתון זו צריך לכלי זיין.

**הַאֵיךְ שַׁיָּיךְ שִׁינּוּי רָצוֹן חַס וְשָׁלוֹם אֵצֶל הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא** ווי אזוי איך שייך צו חַס וְשָׁלוֹם טראכטן אז דער באשעפער'ס ווילן האט זיך געטוישט.

## השי"ת האט געוואלט בלעם זאל בענטשן די יודן

**אַךְ נִרְאֶה דְּהִנֵּה רְצוֹן הַבּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא הָיָה שֶׁבִּלְעָם גַּם כֵּן יְבָרֵךְ אֶת יִשְׂרָאֵל עַמּוֹ**[ב] נאר ווי אונז זעהן איז געווען די רצון פונעם באשעפער אז בלעם זאל אויך זיין פון די וואס בענטשן די יודן, **וּכְמוֹ שֶׁמָּצִינוּ בַּפְּסוּקִים שֶׁבֵּירַךְ אֶת יִשְׂרָאֵל** אזוי ווי אונז זעהן טאקע שפעטער אין די פסוקים אז ער האט געבענטשט די יודן.

**אַךְ שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל לִהְיוֹת קִיּוּם בְּבִרְכָתוֹ לָחוּל עַל יִשְׂרָאֵל** נאר ס'האט נישט געקענט א קיום אין בלעם'ס ברכה אז ס'זאל זיך האלטן און רוען אויף די יודן, **מֵחֲמַת שֶׁהָיָה מְשׁוּקָּע מְאוֹד בְּסִטְרָא אַחֲרָא וּמִדּוֹת רָעוֹת שֶׁלּוֹ** ווייל בלעם איז געווען זייער איינגעזונקען אין די טומאה פון די סִטְרָא אַחֲרָא און זיינע שלעכטע מידות, **עַיִן רָעָה וְנֶפֶשׁ רְחָבָה וְרוּחַ גָּבוֹהַּ** וואס דאס איז געווען די דריי שלעכטע מידות 1] עַיִן רָעָה (א שלעכטע און אומפארגינענדיג אויג), 2] וְרוּחַ גְּבוֹהָה (א געהויבענע שטאלץ), 3] וְנֶפֶשׁ רְחָבָה (א גייסט פון גלוסטן אלעס), **וּמֵחֲמַת זֶה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁרִי שֶׁיְּבָרֵךְ אֶת יִשְׂרָאֵל** און וועגן דעם איז נישט געווען מעגליך ער זאל קענען בענטשן די יודן.

[ב]

## תיקון המידות דורך בּוּשָׁה

**רַק אַחַר כָּךְ כְּשֶׁהָיָה לוֹ בּוּשָׁה לִפְנֵי שָׂרֵי בָלָק** נאר נאכדעם וואס בלעם האט געהאט די בושה פאר די הערן פון די הערן פון בלק, **כְּמוֹ שֶׁאָמַר אֶל הָאָתוֹן 'לוּ יֶשׁ חֶרֶב בְּיָדִי כִּי עַתָּה הֲרַגְתִּיךְ'** (פסוק כט) אזוי ווי ער האט געזאגט צו די אייזל 'אויב איך וואלט געהאט א שווערד אין מיינע הענט וואלט איך ווען דיר יעצט געהארגעט', **וְהָיָה לוֹ בּוּשָׁה גְּדוֹלָה בְּאוֹתָהּ שָׁעָה** און ער האט געהאט זייער א גרויסע בושה אין יענע שעה, **כְּמוֹ שֶׁפֵּירֵשׁ רַשִׁ"י זַ"ל**[ג] אזוי ווי רש"י טייטשט דארט אויפן פלאץ.

**וּמֵחֲמַת אוֹתָהּ הַבּוּשָׁה נִסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ קְצָת הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלּוֹ** און וועגן די בושה וואס ער האט דעמאלסט געהאט האט זיך אפגעטאהן פון אים אביסל די שלעכטע מידות פון אים, **עַד שֶׁהָיָה יָכוֹל לִהְיוֹת קִיּוּם בְּבִרְכָתוֹ שֶׁיְּבָרֵךְ אֶת יִשְׂרָאֵל** אזוי ווייט האט די בושה אויפגעטאהן אז ס'האט געקענט זיין א קיום אין די ברכות וואס ער גייט בענטשן די יודן.

ב. אין אזא בחינה וואס אונז זעהן אין גמרא אז 'מלאך רע בעל כרחו יענה אמן' אז דער שלעכטער מלאך זאל געצווינגענערהייט ענטפערן אמן און מסכים זיין צו בענטשן די יודן.

ג. אין רש"י דארט שטייט: **לו יש חרב בידי. גנות גדולה היה לו דבר זה בעיני השרים** [דאס איז געווען א גרויסע בושה פאר בלעם אין די אויגן פון די אלע הערן] **זה הולך להרוג אומה שלמה בפיו ולאתון זו צריך לכלי זיין** [דא זאגט ער אז ער גייט הארגענען א גאנצע פאלק מיט זיין מויל און צו זיין אייזל דארף ער נוצן א שווערד].

וְזֶה פֵּירוּשׁ הַכָּתוּב (פסוק לא) 'וַיְגַל ה' אֶת עֵינֵי בִלְעָם וַיַּרְא אֶת מַלְאַךְ ה'' וְגוֹ', שֶׁלִּכְאוֹרָה תָּמוּהַּ הַאֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁעָרֵל טָמֵא כָּזֶה יוּכַל לְהִסְתַּכֵּל בִּפְנֵי מַלְאָךְ.

אַךְ עַל יְדֵי בּוּשָׁה הַגְּדוֹלָה שֶׁהָיָה לוֹ בְּאוֹתָהּ שָׁעָה, נִסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ קְצָת הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלּוֹ, וְהָיָה יָכוֹל לְהִסְתַּכֵּל בִּפְנֵי הַמַּלְאָךְ.

וְזֶה פֵּירוּשׁ הַפָּסוּק 'וַיְגַל ה' אֶת עֵינֵי בִלְעָם', וַיְגַל הוּא לְשׁוֹן הֲסָרָה, כְּמוֹ 'וַיָּגֶל יַעֲקֹב אֶת הָאֶבֶן' (בראשית כט, י)[ג], פֵּירוּשׁ שֶׁסָּר מִמֶּנּוּ קְצָת הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלּוֹ.

וּמֵחֲמַת זֶה הָיָה יָכוֹל לְהִסְתַּכֵּל בִּפְנֵי הַמַּלְאָךְ וְלִהְיוֹת קִיּוּם בְּבִרְכָתוֹ.

וְעַתָּה נָבֹא אֶל הַבֵּיאוּר, בִּתְחִילָּה כְּשֶׁשָּׁלַח בָּלָק שָׂרִים שֶׁלֹּא הָיוּ מְכוּבָּדִים כָּל כָּךְ, וְהָיָה גָּלוּי וְיָדוּעַ לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ בּוּשָׁה כָּל כָּךְ בִּפְנֵיהֶם,

ג. וראה רש"י יהושע ה, ט: גלותי, הסירותי, כמו כו' 'ויגל את האבן'.

## די תיקון פון בלעם דורך בּוּשָׁה

**וְזֶה פֵּירוּשׁ הַכָּתוּב** (פסוק לא) **'וַיְגַל ה' אֶת עֵינֵי בִלְעָם וַיַּרְא אֶת מַלְאַךְ ה'' וְגוֹ'** און דאס איז פשט אין פסוק 'און דער אייבישטער האט אפגעקערט די אויגן פון בלעם און ער האט געזעהן די מלאך פונעם באשעפער', **שֶׁלִּכְאוֹרָה תָּמוּהַּ הַאֵיךְ אֶפְשָׁר שֶׁעָרֵל טָמֵא כָּזֶה יוּכַל לְהִסְתַּכֵּל בִּפְנֵי מַלְאָךְ** וואס לכאורה איז עס אינטערסאנט צו פארשטיין ווי אזוי קען זיין אז אזא טמא'נע גוי האט געקענט קוקן אינעם פנים פון א מלאך.

**אַךְ עַל יְדֵי בּוּשָׁה הַגְּדוֹלָה שֶׁהָיָה לוֹ בְּאוֹתָהּ שָׁעָה** נאר דורך די גרויסע בושה וואס בלעם האט געהאט אין יענע צייט, **נִסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ קְצָת הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלּוֹ** איז אביסל אוועקגעגאנגען פון אים די מִדּוֹת רָעוֹת, **וְהָיָה יָכוֹל לְהִסְתַּכֵּל בִּפְנֵי הַמַּלְאָךְ** און אזוי האט בלעם געקענט קוקן אין די פנים פונעם מלאך.

## די כח פון בלעם צו קוקן אויפן מלאך

**וְזֶה פֵּירוּשׁ הַפָּסוּק 'וַיְגַל ה' אֶת עֵינֵי בִלְעָם'** און דאס איז פשט אינעם פסוק 'און דער אייבישטער האט אפגעקערט די אויגן פון בלעם', **וַיְגַל הוּא לְשׁוֹן הֲסָרָה** די ווארט 'וַיְגַל' איז א לשון פון אפטאהן, **כְּמוֹ 'וַיָּגֶל יַעֲקֹב אֶת הָאֶבֶן'** (בראשית כט, י)[ד] אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און יעקב האט אפגעקערט די שטיין', **פֵּירוּשׁ שֶׁסָּר מִמֶּנּוּ קְצָת הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלּוֹ**[ה] די פסוק מיינט צו זאגן אז דער אייבישטער האט אפגעטאהן אביסל פון די מידות רעות פון בלעם.

**וּמֵחֲמַת זֶה הָיָה יָכוֹל לְהִסְתַּכֵּל בִּפְנֵי הַמַּלְאָךְ וְלִהְיוֹת קִיּוּם בְּבִרְכָתוֹ** און וועגן דעם האט בלעם געקענט קוקן אין די פנים פונעם מלאך און ס'זאל זיין א קיום אין די ברכה וואס ער (בלעם) גייט געבן.

[ג]

## די תירוץ אויף די סתירה אין די פסוקים

**וְעַתָּה נָבֹא אֶל הַבֵּיאוּר** און יעצט וועלן מיר צוקומען צו טייטשען די פסוק, **בִּתְחִילָּה כְּשֶׁשָּׁלַח בָּלָק שָׂרִים שֶׁלֹּא הָיוּ מְכוּבָּדִים כָּל כָּךְ** אין אנפאנג ווען בלק האט געשיקט שָׂרִים (הערן) וואס זענען נישט געווען אזוי געשעצט, **וְהָיָה גָּלוּי וְיָדוּעַ לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁלֹּא יִהְיֶה לוֹ בּוּשָׁה כָּל כָּךְ בִּפְנֵיהֶם** און ס'איז געווען אנטפלעקט און אפען פארן באשעפער אז בלעם וועט נישט האבן אזא גרויסע

ד. אזוי ווי רש"י (יהושע ה, ט) זאגט: **גלותי – הסירותי** [די ווארט 'גלותי' מיינט 'הסירותי' - אפגעקערט], **כמו כו' 'ויגל את האבן'** [אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און ער האט אפגעקערט די שטיין'].

ה. די מידות רעות פון בלעם איז געווען אין זיינע אויגן, ווי די משנה זאגט אז בלעם האט געהאט א 'עַיִן רָעָה' א שלעכטע און א אומפארגינעשע אויג. און דאס מיינט די פסוק 'וַיְגַל ה' אֶת עֵינֵי בִלְעָם' אז דער אייבישטער האט אפגעטאהן די שלעכטע אויג פון בלעם כדי ער זאל קענען בענטשן די יודן.

און אזוי ווי דער בת עין שמועסט אויס די גרויסע כח פון האבן א 'עַיִן טוֹבָה' (א גוטע אויג) אין פרשת תזריע, וזה לשונו הקדוש: **וְכַאֲשֶׁר הָיָה בּוֹ מִדּוֹת הַלָּלוּ לֹא יַחְפּוֹץ בִּקְלָלָה** און ווען ער וועט האבען אין זיך די גוטע מידות וועט ער שוין נישט וועלן שעלטן, **וְיִהְיֶה רָאוּי לְבָרֵךְ אוֹתָם** און ער וועט ווען זיין ראוי צו בענטשן די יודען, **כְּמוֹ שֶׁנֶּאֱמַר לְאַבְרָהָם אָבִינוּ ע"ה** (בראשית יב, ב) **'וֶהְיֵה בְּרָכָה'** אזוי ווי דער באשעפער האט געזאגט פאר אברהם אבינו 'און דו וועסט זיין א בענטשער', **וְכֵן הוּא אוֹמֵר** (משלי כב, ט) **'טוֹב עַיִן הוּא יְבוֹרָךְ'** און אזוי שטייט אויך אין פסוק 'א גוטע אויג איז געבענטשט', **קְרֵי בֵּיהּ יְבָרֵךְ כַּמְּבוֹאָר בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ** (זח"ג סג:) די זוהר הקדוש איז מסביר אז די ווארט 'יְבוֹרָךְ' דארף מען לייענען 'יְבָרֵךְ' אזוי ווי עס וואלט געשטאנען 'טוב עין הוא יְבָרֵךְ' א גוטע אויג קען בענטשן אנדערע מענטשן.

בושה פון זיי, **שֶׁיִּסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ קְצָת הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלּוֹ וְלִהְיוֹת קִיּוּם בְּבִרְכָתוֹ** אז ס'זאל זיך דורך די בושה אפטאהן פון אים זיינע מִידּוֹת רָעוֹת און ס'זאל קענען זיי א קיום אין זיינע ברכות, **לֹא נָתַן לוֹ רְשׁוּת לַהֲלוֹךְ עִמָּהֶם** און דערפאר האט דער באשעפער נישט געגעבן רשות פאר בלעם ער זאל מיטגיין מיט זיי.

> שֶׁיִּסְתַּלֵּק מִמֶּנּוּ קְצָת הַמִּדּוֹת רָעוֹת שֶׁלּוֹ וְלִהְיוֹת קִיּוּם בְּבִרְכָתוֹ, לֹא נָתַן לוֹ רְשׁוּת לַהֲלוֹךְ עִמָּהֶם.
>
> רַק אַחַר כָּךְ כְּשֶׁשָּׁלַח בָּלָק שָׂרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מֵאֵלֶּה, וְהָיָה גָּלוּי לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בּוּשָׁה גְּדוֹלָה לִפְנֵיהֶם, אָז אָמַר לוֹ 'אִם לִקְרוֹא לְךָ בָּאוּ הָאֲנָשִׁים קוּם לֵךְ אִתָּם וְאַךְ אֶת הַדָּבָר אֲשֶׁר אֲדַבֵּר אֵלֶיךָ אוֹתוֹ תַעֲשֶׂה'.
>
> וְעוֹד אָמַר לוֹ, 'שׁוּב אֶל בָּלָק וְכֹה תְדַבֵּר', כִּי עַתָּה יָכוֹל לִהְיוֹת קִיּוּם בְּבִרְכָתוֹ לָחוּל עַל יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל.

**רַק אַחַר כָּךְ כְּשֶׁשָּׁלַח בָּלָק שָׂרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מֵאֵלֶּה** נאר נאכדעם ווען בלק האט געשיקט מערערע און חשובערע הערן פון די פריערדיגע, **וְהָיָה גָּלוּי לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ בּוּשָׁה גְּדוֹלָה לִפְנֵיהֶם** און דער אייבישטער האט געזעהן אז בלעם וועט האבן אסאך א גרעסערע בושה פון זיי, **אָז אָמַר לוֹ 'אִם לִקְרוֹא לְךָ בָּאוּ הָאֲנָשִׁים קוּם לֵךְ אִתָּם וְאַךְ אֶת הַדָּבָר אֲשֶׁר אֲדַבֵּר אֵלֶיךָ אוֹתוֹ תַעֲשֶׂה'** דעמאלסט האט אים דער באשעפער געזאגט 'אויב צו רופן דיר זענען געקומען די מענטשן דעמאלסט גיי מיט זיי - נאר די ווערטער וואס איך וועל רעדן צו דיר דאס זאלסטו טאהן'.

## השי"ת הייסט בלעם בענטשן די יודן

**וְעוֹד אָמַר לוֹ**[ו]: און נאכמער פון דעם האט אים דער באשעפער נאכדעם געזאגט, **'שׁוּב אֶל בָּלָק וְכֹה תְדַבֵּר'** 'קער זיך צוריק צו בלק און אזוי זאלסטו רעדן', **כִּי עַתָּה יָכוֹל לִהְיוֹת קִיּוּם בְּבִרְכָתוֹ לָחוּל עַל יִשְׂרָאֵל כַּנַּ"ל** ווייל יעצט (נאך די אלע בושות) וועט קענען זיין א קיום אין זיינע ברכות עס זאל רוען אויף די יודן ווי אויבענדערמאנט.

ו. די לשון הפסוק (פרק כד, טז) וַיִּקָּר ד' אֶל בִּלְעָם וַיָּשֶׂם דָּבָר בְּפִיו וַיֹּאמֶר **שׁוּב אֶל בָּלָק וְכֹה תְדַבֵּר.**

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען וועכנטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

צו באקומען וועכנטליך די גליון ביי אימייל און צו באקומען טעגליכע שיעורים אין די ספר בת עין
שיקט א אימייל צו basayinyomi@gmail.com

צו צושטייער געבן פאר הוצאת הגליון רופט 9175865465 תזכו למצוות

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com